בס"ד

# מבאר רבותינו

כי מן הבאר ההוא ישקו העדרים

שנה כ"ו גליון ל"ח (אלף רצ"ז) פרשת בלק
ט"ז תמוז תשפ"ה לפ"ק

לע"נ מרן הגה"צ רבי שמואל בן רבי יחזקאל שרגא זצ"ל מנאנאש, והרבנית הצדיקת מרת אסתר בת הר"ר יצחק ז"ל

**הדלקה"נ: ברוקלין 8:12 =מאנסי - קרית יואל: 8:15 = לונדון: 8:59 = אנטווערפען: 9:40**
**מוצשב"ק: ברוקלין 9:40 = מאנסי - קרית יואל: 9:43 = לונדון: 10:33 = אנטווערפען: 11:12**

## מעשי גדולים

**תמות נפשי מות ישרים.** פעם סיפר איש א' לכ"ק מרן אדמו"ר מוהרב"צ [**מבאבוב**] זצוק"ל שזכה להיות בליזענסק בכ"א אדר ביומא דהילולא של הרבי ר' אלימלך [**מליזענסק**] זי"ע, ומודה לד' על חלקו הטוב, שהרי מקובל שמי שמשתטח על קברו של הר"ר אלימלך אינו מת בלא תשובה. כ"ק מרן אדמו"ר זצ"ל לא היה לו קורת רוח מדברים אלו, כי אין זו תכלית עבודת האדם בהאי עלמא לבלות את שניו בהבלים, וליתן מרגוע לנפשו שבודאי לא ימות בלא תשובה, כיון ששהה איזה רגעים אצל ציון המצוינת של הר"ר אלימלך. א"ל: הנה אתה מדבר בסגנונו של בלעם הרשע, גם הוא אמר תמות נפשי מות ישרים, געלעבט האט ער אלע זיינע יארען ווי בלעם הרשע, אבער שטארבען האט ער געוואלט ווי א ישר. הנה כדי לזכות למות בתשובה צריכים לחיות בתשובה, לעסוק בתורה ועבודה, ולהיות דבוק ומקושר לצדיקי אמת, דער וואס פירט זיך לויט ווי עס שטייט אין צעטל קטן פונע'ם רבי ר' אלימלך "לעבט" מיט תשובה. (פרי הכרם באבוב)

*

**מה טובו אהליך יעקב.** בתרגום יונתן מה טובו בתי מדרשות שהתפלל בהן יעקב. הנה שמעתי מאדמו"ר זצ"ל רשכבה"ג ש"ב רבי יהושע האב"ד דק"ק **בעלז**, שסיפר בשם אביו דודי רשכבה"ג שר שלום זצ"ל, שבזמן שנסע על החתונה של בנו הצדיק ר' משה זצ"ל עבר דרך עיר שאמרו שיש שם בהכ"נ ישן שעומד שמונה מאות שנה, והלך לראותה, וראה כשהלך שלא היה באפשר לו להיות לו מחשבות קדושות כ"כ, ותיכף הלך מתוכה, ושאל לאנשים זקנים אם הם יודעים בקבלה מי היו העוסקים בהבנין, ואמרו לו שהיו אפיקורסים. והנה אמרו בשם הגאון הקדוש **מקאליב** זצ"ל שפי' מה שאיתא באבות (פ"ג משנה ב') שנים שיושבים ואין ביניהם דברי תורה הרי זה מושב לצים, שנאמר ובמושב לצים לא ישב, שהכוונה שאם ישבו שנים ואין ביניהם דברי תורה, אף שהם יראי השם, צריכין לתלות שבעבור זה שהיה המקום ההוא מושב לצים, לכן לא יוכלו לדבר דברי תורה, ובזה הבנתי התרגום יונתן על פי' מה טובו אהליך יעקב, מה טובו בתי מדרשות שהתפלל בהן יעקב, כי העיקר תלוי במתחיל ודו"ק. (אוצר י"ד החיים, דף ג' אות ז')

*

## מבאר התורה

# למה הכית אתונך

## בענין צער בעלי חיים

כל מעשה גרמות שאדם גורם צער לחבירו נענש, ואף אם יעשה צער על חנם לבהמה, כגון שמשים עליה משאוי יותר מאשר יכולה לשאת ואינה יכולה ללכת, ומכה אותה, עתיד ליתן את הדין, שהרי צער בעלי חיים דאורייתא, כתיב בענין בלעם (בפרשתן) למה הכית אתונך, וכנגד שאמר לו יש חרב בידי כי עתה הרגתיך, לכן נהרג בחרב, ואנה הוזהר, שהרי בבני נח לא מצינו ורדו לאדם שלא התיר לו בשר תאוה נתנה לו רדייה, אבל לבני נח שהתיר להם בשר תאוה לא נתנה לו רדייה. (ספר חסידים אות תרס"ו)

איש חשוב תם וישר שנתאכסן אצלו האר"י ז"ל, ועשה לו הרבה כיבודים, וטרם נסיעתו ממנו אמר, מה הגמול אשר אשלם לך בעד החיבה אשר הראיתה לי, והטרחה שטרחת עבורי, אמר לו זה הגמול להמציא עזר ותרופה לאשתי שנעשית עקרה, השיב לו האר"י הקדוש, ענין הסיבה שנעשית בעבור זה עקרה, וגלה לו ואמר, תדע לך כי היה סולם קטן בביתך, שהיו התרנגולים עולים ויורדים לשתות מים בכלי של מים, אשר היה סמוך לסולם, והיו שותים ומרוים צמאונם, ופעם אחת אמרה אשתך למשרתת שתסיר הסולם משם, אף כי לא היה כונתה לצער את התרנגולים, כי אם מטעם אחר, עם כל זאת מאז הוסר הסולם משם, יש צער גדול להתרנגולים הרכים שאינם יכולים לפרוח כל כך, וסובלים צמאון גדול, ועלתה צפצופם לפני בעל הרחמים ברוך הוא, המרחם על כל מעשיו, ועל ידי כך נגזר עליה להיותה עקרה, והחזירה הסולם למקום הראשון, ויתן לה ה' הריון וחזרה ללדת כראשונה. (חרדים, מובא בס' קב הישר פרק ז')

סיפר [כ"ק אדמו"ר מאמשינאוו זצ"ל] שפעם מצאו לאחד מתלמידי הרה"ק מלובלין שהיה מאכיל הסוסים לפני תקיעת שופר, והסביר את מעשיו, שאם אמנם תקיעת שופר היא מדאורייתא, אך גם 'צער בעלי חיים' דאורייתא. (ימות עולם אמשינאוו, דף ר"ה)

תמימותו וקדושתו של הרה"ק רבי זאב מזבאריז זצ"ל אין לספר ואין לשער, ובפרט בשלמות המדות היה ניכר גודל עבודתו באהבת הבריות, ושלא לראות רע וגנות בשום ישראל, זאת היה לפלא, וכאשר היה נוסע בעגלה היה מוחה להכות הסוסים משום צער בעלי חיים, ואפילו לגער בם היה מוחה, והיה קורא צדיק לכל אדם, אפילו לבעל עגלה ואדם פשוט. (סדר הדורות החדש)

פעם ביום הקדוש בבוקר, כשהרה"ק רבי שלום אליעזר מראצפערט זי"ע היה צריך ליכנס לשאטער בשעה 9 (על ראש השנה ויום הכיפורים בנו שאטער עבור החסידים שהגיעו) והוא היה דייקן בזמן [פונקטליכער]. עבר רגע אחד (מינוט) ועדיין לא בא, ותמהו החסידים איפה הרה"ק ר' שלום אליעזר'ל, ועבר עוד מינוט, כבר חשבו מה אירע. חמש רגעים אחר שעה תשע הגיע לפתח השאטער ואמר, יאך קען נישט גיין דאווענען, דהנה היה לו חתול ואף אחד לא היה בבית והי' צער בעלי חיים כי לא נתנו חלב להחתול, ורק לאחר שנתנו חלב להחתול נכנס הרה"ק להתפלל. (שיח זקנים ח"ה דף רנ"ז)

## עובדא דשמואל סיפורי צדיקים שנשמעו ממרן הגה"צ מנאנאש זצ"ל [רצז]

**אלף תקמד.** הרה"ק בעל ייטב לב מסיגעט זצ"ל אמר פעם לזקינו הרה"ק בעל ישמח משה מאוהעל זצ"ל מה שאמר הרה"ק מרוזין זצ"ל [כנראה שהי' אצלו ושמעו מפ"ק]: כהיום - בזמנו, יש בני עלי' אשר יודעים מקודם מה שעתיד לבא על העולם, אבל הפשוטי עם יודעים זה רק כאשר מתרחש הדבר בעולם בפועל ולא מקודם, אבל עוד יהי' זמן - לפני ביאת המשיח, אשר גם הבני עלי' לא ידעו מה שיארע, ויהיו צריכים לשאול מה שנעשה. ובזה פירש הרה"ק מריזין את הפסוק [בפרשתן] כעת יאמר ליעקב ולישראל מה פעל א-ל (במדבר כ"ג כ"ג), בני ישראל הפשוטים נקראים בשם יעקב, והבני עלי' נקראים בשם ישראל, וזה"פ: כעת, עוד יהי' זמן, אשר יאמר ליעקב ולישראל, ששניהם הן הבני' עלי', והן הפשוטי עם, ישאלו, מה פעל א-ל, שלא ידעו מקודם מה שעתיד להתרחש בעולם. וכאשר שמע זאת הרה"ק הישמח משה הסכים לזה הפשט, היינו שאכן כן הוא המציאות בהוה, וכן יהי' המצב לעתיד כאשר אמר הרה"ק מריזין.

ופ"א שמעתי ממרן הרה"ק מסאטמאר זצ"ל כאשר חזר על זה בדרשת הושענא רבה, התמרמר ואמר בבכי רב והתעוררות: הרה"ק מריזין אמר שעוד יהי' זמן אשר הבני עלי' ג"כ לא ידעו מה שעתיד להתרחש בעולם, ועכ"פ עוד יהיו בני עלי', אבל על שפלות כזה אשר לא יהי' בני עלי' כלל, כמו הדור אשר אנו חיים בה, ג"כ לא אמר הרה"ק מריזין זצ"ל.

**אלף תקמה.** שמעתי מכ"ק הגה"צ מקראסנא זצ"ל על מה שאמרו חז"ל (מס' מנחות דף ס"ה ע"ב) שעשו פירסום בקצירת העומר כדי להוציא מלבן של צדוקים עיי"ש, שהפירוש הוא, שיש לפעמים אנשים שאין תוכם כברם, שמראים עצמן ליראי ה', אולם לא כן מחשבותם ולבם, שהמה מלא בדעות כוזבות רח"ל, ובהצנע ובאופנים שונים המה מנסים להשפיע על אנשים תמימי לב את דרכם הרע, ולהפיל אותם ברשתם הטמא, על כן עשו פעולות שונות בדברים אשר דעתם היתה אחרת מדעת חז"ל, ועל ידי זה לא יוכלו לעצור שלא לומר דעתם, ויפרסמו מה שבאמת בלבם ומחשבתן הרע, ועל ידי זה ידעו הקהל להשמר ולהתרחק מהם, וזה שאמרו שעשו כל זה, 'להוציא מלבן של צדוקים', שעל ידי פעולה זו, הוציאו מלבן מה שבאמת טמון שם, ועי"ז ידעו האנשים שלא ללמוד מדרכם ושיטתם הרע.

**אלף תקמו / בהיכל קדשו.** מרן הרה"ק מסאטמאר זצ"ל הי' נוהג לעשות עירובי חצירות לבנין ביתו נאוה קודש בערב פסח לכל שבתות השנה, וכן עשה עירובי חצירות בכל ערב שב"ק כדמובא מהאר"י ז"ל. והיות שהי' מונח העירובי חצירות מערב פסח, ע"כ לא בירך בכל שבוע על העירוב, וכן לא ביקש שיזכו לו הפת.

ובליל יום הקדוש שנת תשט"ו לפ"ק כאשר זכיתי להיות משמש בקודש פנימה, לויתי את מרן זצ"ל לתפלת כל נדרי, וכאשר כבר היינו על אם הדרך לביהמ"ד, כבר אחר השקיעה הראשונה, הזכרתי למרן זצ"ל שעוד לא עשה העירובי חצירות כמנהגו בקודש בכל שבוע, ומרן זצ"ל חזר תיכף לאחוריו, והלך לביתו נאוה קודש ועשה במהירות העירובי חצירות, ואח"כ חזר בדרכו לביהמ"ד.

# דער קוואל פון צדיקים

## דערציילונגען פון רבותינו הקדושים צו זייער יארצייט

יארצייט פון
הגאון הקדוש מרן
**רבי משה דוד אשכנזי זי"ע**
**מטאלטשאווא**
י"ח תמוז שנת תרט"ז לפ"ק

הרה"ק רבי משה דוד אשכנזי זצ"ל מטאלטשאווא איז געבוירן שנת תקל"ד לפ"ק צו זיין טאטן רבי אשר אנשיל זצ"ל אבד"ק ראזדול יצ"ו, ער איז געווען א גרויסער יחסן, און האט געהאט א יחוס בריוו בן אחר בן פינעף און צוואנציג דורות בעלי רוח הקודש, ער איז געווען געערט און געשעצט ביי די צדיקי הדור, ער איז געווען רב אין שטאט טאלטשאווא יצ"ו, אויף די עלטער ווען ער איז געווארן זיבעציג יאר אלט איז ער ארויף קיין ארץ ישראל און איז געווארן רב אין שטאט צפת ת"ו, ער האט פארפאסט די ספרים באר שבע, תולדות אדם, הרה"ק בעל ייטב לב מסיגעט זצ"ל איז געווען זיין איידעם. ער איז נסתלק געווארן י"ח תמוז שנת תרט"ז לפ"ק. זיין הייליגער ציון געפינט זיך אין שטאט צפת תו"ב.

פאר דער טאלטשאווער רב איז געפארן קיין ארץ ישראל איז ער געווען ביי הרה"ק רבי מאיר'ל **מפרעמישלאן** זצ"ל זיך געזעגענען, האט אים רבי מאיר'ל געזאגט: הער און ווייס, דער ים איז א גרויסער עזות פנים, אסאך מאל צושפילט ער זיך, דערפאר געט אייך מאיר'ל א חלה דעקל און אויב דער ים וועט ווערן צושטורעמט זאלט איר נעמען דעם חלה דעקל און זאגן: מאיר בן יענטא דעקט מיט דעם צו די חלות, און דער ים זאל זיך איינשטילן. אינמיטן וועג איז געווארן א שטורעם, האט ער גענומען די חלה דעקל און עס אריין געווארפן אין ים, און די שטורעם האט זיך איינגעשטילט. דער טאלטשאווער רב האט זיך אלע יארן מצער געווען פארוואס ער האט נישט גערופן פארדעם נאך מענטשן זאלן זעהן וואס ער טוט, אז עס זאל ארויס קומען פון דעם א קידוש ה'. (אוצר ישראל דף ר"ו)

*

מרן הרה"ק **מסאטמאר** זצ"ל האט דערציילט: בעפאר דער טאלטשאווער רב איז געפארן קיין ארץ ישראל איז ער ארומגעפארן זיך געזעגענען ביי די צדיקי הדור פון חוץ לארץ, און ער איז אויך געווען ביי הרה"ק רבי מאיר'ל **מפרעמישלאן** זצ"ל, און רבי מאיר'ל האט אים געבעטן זיין פאספארט, און ער האט אים דאס געגעבן, ווען ער האט אים עס שפעטער צוריק געבעטן ער זאל קענען פארען מיט דעם, האט אים רבי מאיר'ל געענטפערט: מאיר'ל דארף אונטערשרייבן דעם פאספארט, און מאיר'ל קען דאס נאכנישט אונטערשרייבן, האט ער געדארפט בלייבן דארט אויף שבת קודש, און דורכדעם האט ער פארשפעטיגט די שיף וואס ער האט געוואלט פארן, נאך שב"ק האט אים רבי מאיר'ל צוריקגעגעבן דעם פאספארט און אים געזעגענט לשלום, און ער האט געדארפט פארן מיט א אנדערע שיף, און ער איז דעמאלטס געוואויר געווארן אז די פריערדיגע שיף האט זיך ליידער דערטרונקען רח"ל, און ער איז געראטעוועט געווארן מיט דעם וואס רבי מאיר'ל האט אים צוגענומען דעם פאספארט. (מרן הגה"צ מנאנאש זצ"ל)

*

דער טאלטשאווער רב האט אמאל געזאגט פאר הגה"ק רבי שמואל העלער זצ"ל אבד"ק **צפת**, אז דער הייליגער **בית יוסף** איז אים געקומען אין חלום און געזאגט ער זאל לערנען אסאך אינעם ספר בית יוסף, וועט ער זוכה זיין צו אריכות ימים. אבער וויבאלד ער איז זייער פארנומען מיט פארשידענע ענינים און זיינע אנדערע שיעורים, קען ער דאס נישט מקיים זיין, אבער רבי שמואל זאל יא אזוי טון. ער האט טאקע אזוי געטון און ער האט געלעבט ביז די אכט און ניינציג יאר, און א שעה פאר זיין הסתלקות האט ער געזאגט אז צוליב לערנען אסאך בית יוסף האט ער זוכה געווען צו אזא אריכות ימים. (אלף כתב אות תס"ב)

*

זיין אייניקעל הרה"ק **מקאלבסוב** זצ"ל האט דערציילט אז ער האט זיך אמאל אפגערעדט פאר זיין טאטע הרה"ק בעל ייטב לב **מסיגעט** זצ"ל אז ער האט נישט קיין פרנסה, האט אים דער ייטב לב געזאגט איך וועל דיר דערציילן א מעשה: ווען איך בין אויפגעצויגן געווארן אין די יונגע יארן ביי מיין זיידע הרה"ק בעל ישמח משה **מאוהעל** זצ"ל האט מען מיר גערעדט די שידוך מיט די טאכטער פון טאלטשאווא רב, אבער מען האט זיך נישט געקענט דורכקומען וועגן די נדן, און צוליב דעם האט זיך אפגעהאלטן די שידוך. אין שטאט טאלטשאווא איז געווען א סוחר וואס ער האט געהאט געלט, און ער האט געוואוסט אז אויב וועט די שידוך ווערן וועט מען בעטן פון אים ער זאל געבן דאס געלט, ארויס צו העלפן דעם רב מיט די נדן, האט ער באשלאסן אז ער וועט מאכן אז די שידוך זאל נישט ווערן, און ער איז געפארן צום שטאט אוהעל און איז אריין איך די קאך פונעם ישמח משה, און די רביצין האט אים געפרעגט פון ווי ער קומט, האט ער געענטפערט אז ער קומט פון טאלטשאווא, האט זי אים געפרעגט אויב ער קען דעם רב פון שטאט און זיין טאכטער, האט ער געענטפערט אז די מיידל איז א גוט מיידל, אבער לויט ווי ער ווייסט האט דער רב נישט צו באצאלן נדן פאר איר, ווען זי האט דאס געהערט האט זי דאס דערציילט פארן ישמח משה אז דער טאטלשאווער רב האט נישט קיין געלט, און האט אים געפרעגט פארוואס ווילסטו זיך משדך זיין מיט אים, ער איז דאך א גרויסע ארימאן און קען נישט באצאלן די נדן.

ווען דער ישמח משה האט דאס געהערט, האט ער געהייסן פאר זיין שרייבער ער זאל שרייבן א בריוו צום טאלטשאווער רב אז ער איז גרייט צו פארן מאכן תנאים און שליסן שידוך, האט אים זיין רביצין געפרעגט פארוואס ער האט אצינד אזוי באשלאסן, האט ער איר געענטפערט: ביז ווילאנג איך האב נישט געוואוסט אז דער טאלטשאווער האט נישט קיין געלט פאר די נדן האב איך געווארט, ווייל איך האב געקלערט אפשר וויל ער זיך ארויסדרייען פון געבן, אבער צום סוף וועט ער יא מסכים זיין, אבער יעצט אז איך בין געוואויר געווארן אז ער האט נישט קיין געלט, אויב אזוי פארוואס זאל איך אים מצער זיין און בעטן געלט וואס ער האט נישט, און מען איז טאקע געפארן שליסן די שידוך, און שפעטער איז דארט געפראוועט געווארן די חתונה.

דערציילט דער ייטב לב ווייטער: נאך די חתונה בין איך געבליבן וואוינען אין טאלטשאווא, און געלויבט צו השי"ת האב איך דארט געלערנט אסאך תורה, אפילו איך האב נאך קיינמאל נישט געזעהן אזא ענגשאפט אין פרנסה ווי איך האב דארט געזעהן, א מקוה איז נישט געווען דארט, זענען מיר געגאנגען אינמיטן די נאכט זיך טובלין אין די אייזיגע טייך, און ווען מיר זענען צוריק אהיים האבן מיר נישט געהאט האלץ מיט וואס זיך צו דערווארימען, און מיר האבן זיך אריינגעזעצט אין בעט, מיין שווער פון איין זייט, און איך אויף די צווייטע זייט, און איך האב געהאלטן אין די האנט א אויל לעמפל צו באלייכטן, און מיר האבן געלערנט תורה ביז צופריה, נאכדעם זענען מיר געגאנגען דאווענען, און נאכן דאווענען האבן מיר געגעסן אויף פרישטאג איינגעברענטע יוך, און ביינאכט האבן מיר געגעסן אביסל קארטאפל מיט זאלץ, און ווען איך וואלט דערציילט פאר מיין זיידע דער ישמח משה די ענגשאפט אין וואס איך לעב, וואלט ער מיך זיכער נישט געלאזט דארט בלייבן וואוינען, אבער איך האב אים דאס נישט געוואלט דערציילן, ווייל איך האב דארט געלערנט זייער אסאך תורה.

האט דער ייטב לב אויסגעפירט פאר זיין זון: און דו מיין קינד, איך ווייס אז דו האסט א ווארימע הויז, און א ווארימע מקוה, און ווען דו קומסט אהיים נאך די מקוה האסטו א ווארימע טיי, און א גאנצע נאכט ווען דו לערנסט האסטו א נאפט לאמפ וואס באלייכט גוט, מיט א שיינע גמרא, און שפעטער צופריה פארן דאווענען האסטו א ווארימע קאווע, און נאכן דאווענען האסטו ביי מיטאג גוטע ברוינפן מיט א פיינע קיכל צום איבערבייסן, און נאכדעם לייגסטו דיך אראפט דרימלען אויפן דיוואן, און דו רעדסט דיר נאך אפ אז דו האסט נישט קיין פרנסה, היתכן. (מראה אש, אות פ"ב)

*

זיין איידעם הרה"ק בעל ייטב לב **מסיגעט** זצ"ל האט זיך שטענדיג אויפגעטון מיט די צייט וואס ער האט געגעסן קעסט ביי זיין גרויסע שווער דער טאלטשאווא רב נאך די חתונה, און געזאגט אז זיין שווער האט אים צוגעשטעלט פאר קעסט צווי זאכן, איינס אז ער פלעגט אויפשטיין פאר אים, האט ער געריבן אויף די טעפל ווי עס איז געליגן די געפרוירענע וואסער וואס איז געווען אנגעגרייט פאר נעגל וואסער, ער זאל זיך קענען וואשן מיט דעם, און אויך פלעגט ער שוין טרעפן די אייזיגע טייך אויפגעבראכן, ווייל דער שווער האט אויפגעבראכן די אייז פאר אים, האט ער זיך געקענט טובל'ן. (באר שבע תולדות המחבר)

*

שנת תר"ג לפ"ק ווען דער טאלטשאווער רב איז געווארן זיבעציג יאר אלט, נאכן זיין רב אין שטאט טאלטשאווא פאר פערציג יאר, האט ער זיך איבעגעשמועסט מיט זיין באליבטע איידעם הרה"ק בעל ייטב לב **מסיגעט** זצ"ל אז אזוי ווי ער האט געהאט גענומען אויף זיך אז ווען ער וועט זוכה זיין צו ווערן זיבעציג יאר, וועט ער טון א גוטע זאך וואס ער האט נאך קיינמאל נישט געטון, דערפאר ווייסט ער נישט וואס ענדערש צו טון, אויב ער זאל דרוקן זיינע ספרים וואס ער האט זיך אזוי שטארק געמיטשעט אויף דעם אלע יארן, אדער ער זאל פארן קיין ארץ ישראל וואוינען, און דער ייטב לב האט אים געצה'ט ער זאל פארן קיין ארץ ישראל, זאגענדיג אז צוליב זיין השלמת הנפש איז מער ריכטיג ער זאל פארן קיין ארץ ישראל, ווייל די הייליגקייט פון די פלאץ העלפט צו דינען השי"ת. (תהלה למשה אוהעל, דף ו')

*

ווען דער טאלטשאווער רב איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל האט ער זיך באזעצט אין שטאט צפת תו"ב, און מען האט אים אויפגענומען פאר נשיא ארץ ישראל, און ער איז געווארן דער רב פון שטאט, און ער האט זיך געקויפט א שטח מיט א הויז ווי ער האט געוואוינט, און ער שרייבט אין זיין הייליגע צוואה, אז די געלט וואס עס וועט אריינקומען שפעטער פון די רענט אויף די דירה, זאל זיין אויף שטענדיג געהייליגט פאר צרכי סעודת ראש חודש. (חי וקים עניני ראש חודש, חשיבות הסעודה דף ק"כ)

*

אויפן וועג ווען דער טאלטשאווער רב איז געפארן קיין ארץ ישראל, איז ער געפארן זיך געזעגענען פון די צדיקי הדור, הרה"ק בעל תורת חיים **מקאסוב** זצ"ל, הרה"ק רבי ר' צבי הירש **מרימנוב** זצ"ל, הרה"ק רבי ישראל **מרוזין** זצ"ל, הרה"ק רבי מאיר **מפרעמישלאן** זצ"ל, ווען ער איז אנגעקומען קיין קאסוב, האט אים דער תורת חיים גאר אויסער געווענליך מכבד געווען, און ווען ער איז ארויס געגאנגען האט ער אים באגלייט ביזן וואגן וואס ער איז מיט דעם געפארן, און דאס איז געווען א גרויסע וואונדער ביי די חסידים, ווייל געווענליך האט ער דאס נישט געטון, ווען דער תורת חיים האט געזעהן זייער וואונדער, האט ער זיי געזאגט: יעדער איינער האט א ניצוץ פון ארץ ישראל, אבער דער טאלטשאווער רב איז אינגאנצן ארץ ישראל, און אויב איך האב ארץ ישראל אין מיין שטוב, וועל איך אים דען נישט מכבד זיין. (באר שבע תולדות המחבר זצ"ל)

*

### תורתו מאירת עינינו יגן לנו ויושר יליץ בעדינו

**אדם אם היה עובר בין הקברות, והיה יודע שצדיק קבור שם,**
**צריך להזכירו במעשיו, אמר שלמה** (משלי י' ז') **זכר צדיק לברכה.** (פסק"ר פי"ב ס"א)
**פארט איר אויף קברי צדיקים ווי אימער אין דער וועלט ?**
די עיקר השתטחות ביי א ציון פון א צדיק איז נאכצוזאגן שמועות ועובדות מפיו כמובא בספה"ק.
איר צאלט אזויפיל געלט פאר די נסיעות, קומט נישט אן צום ציון ווי א פרעמדער, מיר ווען אייך
צושטעלן א קובץ **"לספר בציון"** מיט געקליבענע סיפורים מיוחד פאר די ציונים ווי איר פארט.
אזוי ווי איר זענט מחליט צו פארן אויף מקומות הקדושים, רופט אריין צו מערכת **"מבאר רבותינו"**
און מיר וועלן אייך צושטעלן בעזהשי"ת א קובץ לויט אייער פארלאנג. 718-218-6817
~ פויעלט אלעס גוטס ~


**אינטערנעט** אפילו מיט אן אזויגערופענעם **גאר גוטן** פילטער [redacted]
איז פארט **גאר שלעכט** פאר א אידישע נשמה



**מבאר רבותינו: 43 LORIMER ST. BROOKLYN N.Y. 11206**
**טעל: 718-218-6817 - פעקס: 718-506-9629**


**במשך שבתות הקיץ אינו מופיע עמוד ג' ועמוד ד' - ואתכם הסליחה**


כל הזכיות שמורות, ואסור להעתיק שום ענין מהגליון בלי רשות המערכת



י"ל ע"י קהל אפסי ארץ ד'נאנאש - בנשיאות הגה"צ רבי אליעזר יוסף פאללאק שליט"א